



## פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת שמות, כ"ב טבת תשס"ז
גליון 3, מספר 9





# פרשת שמות

## שבעים נפש

**ויהי כל נפש יוצאי ירך יעקב שבעים נפש** - די צאל אידן וואס זיינען אריין אין מצרים איז געווען "שבעים נפש".

די צאל פון "שבעים נפש" איז דער "מספר היסודי" (דער גרונט צאל) פון אידישן פאלק, "צבאות השם", ווי עס שטייט **"יצב גבולות עמים למספר בני ישראל"** - דאס וואס דער מספר פון די הויבט–אומות איז "שבעים", איז דאס דערפאר וואס דער מספר פון די "הויפט–אידן", די אידן אריינגייענדיק אין מצרים, איז געווען "שבעים".

געפינט מען, אז צווישן די זיבעציק מיטגלידער פון "צבאות השם" וואס זיינען אריין אין מצרים, ווערט גערעכנט יעקב אבינו אלס איינער, און א קליינע אידישע מיידעלע וואס איז געבארן געווארן מיט א רגע לפני זה (אדער–באותו הרגע) - יוכבד - אלס איינע, און זיי שטעלן צוזאמען דעם מספר פון "שבעים נפש", וואס דעמאלט זיינען דאס געווען די "צבאות השם"!

דאס הייסט , אז אין דער צאל פון "שבעים נפש" ווערן אריינגענומען צוזאמען, סיי א קליינע אידישע מיידעלע און - יעקב אבינו, דער גרעסטער צווישן די אבות, און דער גרעסטער צווישן אידן (וואס דערפאר ווערט דאך יעדער איד אנגערופען מיטן נאמען "יעקב", "ישראל").

דערפון זעהט מען די גרויסקייט פון אידישע קינדער.

ווארום הגם אז אייגנטלעך זיינען אלע אידן, אפילו די וואס זיינען שוין אלט אין יארן, דער אויבערשטנ'ס "קינדער", ווי עס שטייט **"כי נער ישראל ואוהבהו"**, און **"הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים"** - דאס הייסט אז דער אויבערשטער באטראכט און קוקט אויף יעדער אידן אז ער איז זיינער א קינד, און נאכמער - א "ילד שעשועים", א קינד וואס פארשאפט אים גרויס פרייד און פארגעניגן - ובמילא מובן אז אלע אידן זיינען אין דעם אויבערשטנ'ס ארמיי" -

פונדעסטוועגן, איז דאס מער אונטערשטראכן בנוגע צו אידישע קינדער.

און אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים, אין דעם ערשטן גלות, אז דארטן איז געווען בהדגשה די מעלה פון קליינע קינדער אלס מיטגלידער פון "צבאות השם", "הם הכירוהו תחלה", אזוי וועט אויך זיין בקרוב ממש, וואס **"כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"**, ווען מיר וועלן ארויסגיין פון דעם איצטיקן גלות - גאר אינגיכן, דורך משיח צדקנו.

(דער רבי רעדט צו קינדער -משיחת כ"ח תשרי תשמ"א)

---

טייערע קינדער שלוחים,

אין אנהויב פון די חב"ד חסידישער קייט, איז געווען דער אלטער רבי. דער אלטער רבי איז נסתלק געווארן כ"ד טבת און האט געלאזן פאר אונז אן אוצר. דער אוצר איז חסידות חב"ד וואס ער האט אנגעהויבן, וואס דער ענין פון חסידות חב"ד איז חכמה בינה און דעת– וויסן, פארשטיין און אראפנעמען די פארשטאנד לפועל.

יעצט דארפט איר, די טייערע שלוחים פון רבי'ן, וואס איר זייט א חלק פון דעם לאנגע קייט פון דער אלטער רבי, אננעמען החלטות אויף צו לערנען און פארשטיין נאך מער אין חסידות.

און בעיקר אלס די שלוחים, צו פארשפרייטן די הייליקע רייד פון חסידות איבעראל. דורך דעם דערנענטערט איר דעם צייט פון גאולה ווען מיר וועלן זעהן דעם אלט'ן רבי'ן און אלע רביים, און דעמאלט וועלן זיי אייך אפדאנקען פאר אייערע הייליקער ארבעט!!

א. וועכטער

# דער חסידישער לוח

## כ"ד טבת



### יארצייט פון דער אלטער רבי

דער אלטער רבי האט אנגעהויבן חסידות חב"ד. דער אלטער רבי האט געלעבט אין שטאט ליאדי, און איז אוועקגעגאנגן פון זייט שטאט צוליב די פראנצויזישע ארמיי וואס איז געווען אויפן וועג.

נאפאליאן איז געווען דער הויפט קאמאנדיר פון די פראנצויזישער ארמיי, און ער האט געוואלט איבערנעמען רוסלאנד. עס זיינען געווען אסאך אידן וואס זיינען געווען זייער צופרידן אז נאפאליאן וועט קומען און ראטעווען גאנץ רוסלאנד פון דעם שלעכטן רוסישן צאר.

אבער דער אלטער רבי האט געהאלטן אז אויב די פראנצויזישער ארמיי וועט איבערנעמען רוסלאנד, וועלן זיי מאכן א גאנצע פרייהייט אין רוסלאנד, און אוועקנעמען אידן פון אידישקייט.

יענע יאר תקע"ג פאר ר"ה האט מען געוואוסט אז דער וואס וועט בלאזן שופר דעם ערשטן וועט אויפטאן א נצחון מלמעלה. ר' ישראל פון קאזניץ איז אויפגעשטאנען און האט אנגעהויבן דאווענען גלייך און איז שנעל אנגעקומען צו תקיעת שופר. דער אלטער רבי האט עם אבער אויסגעכאפט. גלייך אינדערפרי איז דער אלטער רבי געגאנגען אין מקוה און דערנאך האט ער גלייך געבלאזן שופר.

טאקע אין דער צייט האט רוסלאנד געוואונען. און דאס האט געראטעוועט אידן דורך דעם וואס די שווערקייטן האבן ארויסגעבראכט די שטארקע מסירת נפש פון אידן.

אויפן וועג, אוועקגייענדיק פון נאפאליאן, איז דער אלטער רבי געווען אין שטאט פיענע. האלב נאך צען, ניט לאנג נאכדעם וואס ער האט געזאגט הבדלה, איז דער אלטער רבי נסתלק געווארן. דער אלטער רבי איז געווען 68 יאר, און זיין זון , ר' דובער, דער מיטעלער רבי איז געווארן רבי.

דער אהל פון אלטן רבי'ן איז אין שטאט האדיטש.

## כ"ח טבת



### יום הולדת פון רביצין חנה– אם המלכות.

אויף כ"ח טבת אין יאר תר"מ איז רביצין חנה געבוירן געווארן אין שטאט ניקאלאייעוו צו הרב החסיד ר' מאיר שלמה ינובסקי דער רב פון ניקאלאייעוו און זיין ווייב רביצין רחל.

זי האט שפעטער חתונה געהאט מיט הרב החסיד ר' לוי יצחק שניאורסאהן וואס ער איז געווען דער רב פון יעקאטערינאסלאוו. ווען ער איז געשיקט געווארן צו גלות אין אלמא אטא איז זי מיטגעגאנגען און האט אים געהאלפן מיט אסאך מסירת נפש צו מאכן טינט פון גראז פאר זיינע כתבים. דער רבי שרייבט אסאך וועגן די גרויסע מסירת נפש פון זיין מאמע, און ווי אזוי די מסירת נפש האט אונז יעצט געהאלפן אז מיר האבן יעצט די הייליקע כתבים פון ר' לוי יצחק בזכותה.




וועגן די אידן אין מצריים שטייט אז דער אויבערשטער האט געבענטשט די אידן ב"מאד מאד": די מצריים האבן געוואלט פייניקן די אידן אז זיי זאלן ניט האבן קינדער, און דער אויבערשטער האט זיי געבענטשט מיט אסאך אסאך קינדער, זעקס אויף א מאל!

ר' יוחנן זאגט אז אין די צייט פון גאולה וועלן אידן אויך האבן אסאך קינדער אויף איין מאל. דאס איז וואס שטייט אז די אידן האבן געהאט קינדער "וירבו במאד מאד": איין "מאד" רעדט וועגן די קינדער וואס זיי האבן געהאט אין מצריים, און איין "מאד" רעדט וועגן די פיל קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן אין די טעג פון משיח!!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

## דערציילט מיר א מעשה

פרייטאג, כ"ט מנחם אב איז דער אלטער רבי אנטלאפן פון ליאדי, לויט די באווארענישן פון די רוסישע ארמיי אפיצערן אז די פראנצויזישער ארמיי קומט.

מען האט געגעבן 60 וועגענער פאר דעם אלטן רבי'נס משפחה, און פאר זיינע חסידים, אבער עס איז ניט געווען גענוג. פיל פון די חסידים האבן געדארפט גיין צו פוס.

א גרופע סאלדאטן האבן זיי באגלייט אויף זייער וועג. דערפאר וואס די פראנצויזישע ארמיי איז געווען אזוי שנעל אויף זייער וועג, האבן די סאלדאטן געבעטן גיין דורך די שטאט באיעב. אבער דער אלטער רבי האט זיי געבעטן גיין צו די שטאט פון קראסנע, בכדי אריבערגיין די טייך דניפער וואס שנעלער. נאך זיי זיינען געגאנגן ארום צוויי מייל, האט דער אלטער רבי געבעטן אז ער וויל צוריקגיין.

ער איז אנגעקומען אין זיין שטוב און האט געבעטן די מענטשן איבערקוקן זיין שטוב זיכער מאכן אז ער האט גאר ניט פארגעסן. פון די איינציגע זאכן וואס זיי האבן געפונען איז געווען א שטעק– שיך. דערנאך האט זיי דער אלטער רבי געהייסן ארויסנעמען די ספרי תורה פון די שול וואס איז געווען גלייך לעבן די שטוב, און פארברענען זיין שטוב. דערנאך האט ער געבענטשט די אידן וואס זיינען געווען אין שטאט און ער איז נאכאמאל געפארן אויף זיין וועג.

ניט לאנג נאכדעם, זיינען די ערשטע פון די ארמיי פון נאפאליאן געקומען אין שטאט. נאפאליאן איז גלייך געגאנגן צו די שטוב פון אלטן רבי'ן, אבער ער האט געזען אז די שטוב איז געווען אינגאנצן פארברענט. נאפאליאן האט זייער געוואלט געפינען עפעס פון דער אלטער רבי - עס זעט אויס אז ער האט געוואלט באנוצן זיך דערמיט פאר כישוף, אבער מען האט גאר ניט געפונען.

דורך די צייט וואס דער רבי איז געגאנגען, האט ער מחזק געווען די רוסישע אידן אויפן וועג. דורך די גאנצע מלחמה האבן אסאך אידן פארלוירן זייערע זאכן.

ווען דער אלטער רבי איז אנגעקומען אין שטאט פיענא האט ער אנגעהויבן א צדקה ארגאנאזאציע צו העלפן די רוסישע אידן.

נאר א פאר טעג זיינען אריבער פון זיין אנקומען אין שטאט פיענא, און דער אלטער רבי איז געווארן ניט געזונט. נאך שבת האט ער געזאגט הבדלה, און ניט לאנג שפעטער האט ער צוריקגעגעבן זיין ריינע נשמה צום אויבערשטן.

## האסטו געוואוסט?

אין חודש שבט ווערן די טעג א ביסלע לענגער. עס זיינען פאראן מער שעות פון ליכטיקייט און די ליכט שיינט שטארקער. יעצט הויבט זיך אן די ערשטע טריט צו די בלומענדיקע צייט פון אביב - פרילינג.

אין אנדערע פלעצער אין וועלט זיינען פאראן אנדערע צייטן ווען עס איז ווינטער און זומער: למשל אין אוסטראלי' איז עס ווינטער ווען עס איז זומען אין אמעריקא.

ארץ ישראל איז די צענטראלע פלאץ פאר אידן, און אונזער לוח איז אויפגעשטעלט געווארן לויט די וועטער אין ארץ ישראל.

אסאך פון דעם וואס בייט זיך אין שבט געשעט אונטער דער ערד. די ווארצלן פון דיביימער וואס האבן "געשלאפן" דורך די ווינטער וועקן זיך יעצט אויף. דאס אלס גרייט זיי אן פאר די פרוכט וואס וועט וואקסן פון זייער ביימער.

ארץ ישראל איז זייער וויכטיק פאר אונז אידן דורך די גאנצער יאר, אבער דוקא אין חודש שבט האבן מיר א ספעציעלע טאג פאר די ביימער - טו בשבט! יעמאלט טראכטן מיר אויף אלע ביימער און ספעציעל אויף די ביימער פון ארץ ישראל.

## שבת מברכים ראש חודש

### דעם שבת איז שבת מברכים חודש שבט

☐איך האב געזאגט תהילים שבת אינדערפרי

☐איך בין געגאנגן אין שול און איך האב געזאגט דעם ספעציעלן ברכה פארן נייע חודש.

### ראש חודש טבת

שבת קודש - א' טבת

☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן

☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה

☐ איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום

TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת שמות

פּאקס צוריק די פּאפּיר צום שלוחים׳ס אופיס פּאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פּרייז! (718-221-0985)

רינגל ארום די אויסנאם

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| משה | אהרן | מרים | צפורה | דתן |
| מצרים | ארץ ישראל | אמעריקא | מדין | ארץ כנען |
| מנשה | ראובן | גד | בנימין | נפתלי |
| פרעה | יתרו | צפורה | אדם | בתי״ה |
| פרו | וישרצו | וירבו | ויעצמו | ויגדלו |
| יתר | רעואל | יתרו | כהן מדין | חובב |

הצלחה רבה

נאמען: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________________

______________________________________

אימייל: ______________________

די געווינער פון פרשת ויחי: מנחם מענדל צוויבל, 7